# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויצא, ו' כסליו, שנת תשפ"ה לפ"ק | שנה 14, גליון 10 (678)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:10
מוצאי שב"ק...................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................נחמיה ה'-ו'
בבלי..............בבא בתרא קס"ה
ירושלמי..................תענית י"ח
תוספתא.....................דמאי ב'
רמב"ם..............טומאת מת ט"ו

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אוֹיגְן פוּן לֵאָה זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְוֵויינְט אוּן רָחֵל הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אוּן אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יב; עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט) אַז 'רָחֵל' וַוייזְט אוֹיף 'תּוֹרָה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְּאִתְגַּלְיָא' (עַיֵּין זֹהַר חֵלֶק א', דַּף קנח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אִיז דָאס 'יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה', אַלֶע זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט הֲנָאָה פוּנֶעם לֶערְנֶען, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה", וְוידֶער 'לֵאָה' - וַוייזְט אוֹיף 'תְּפִלָּה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְּאִתְכַּסְיָא', וָואס זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שֵׁיין אִין מֶענְטְשְׁנְ'ס אוֹיגְן, וַוייל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן תְּפִלָּה אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט וִוי עֶר הָאט דָא עֶפֶּעס גֶעטוּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט: "וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי פָּשׁוּטֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד רֶעדְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען נָאר טוּן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ס"ח) אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל אוּן נִישְׁט אַלְץ גֵייט עֶס אַזוֹי גְרִינְג, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיק צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן צוּם סוֹף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ, אַלֶעס בְּלַייבְּט בַּיים אַלְטְן, אוֹיבּ וֶועט מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אוֹיף דִי שִׂיחָה בַּאשְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֵצָה פוּן רֶבִּיְ'ן אִיז דָאךְ אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, מֶען דַארְף דָאךְ גָארְנִישְׁט טוּן דֶערְצוּ, וואוּ דוּ בִּיסְט עֶפְן אוֹיף דַיין מוֹיל, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן", יֶעדֶער אֵיינֶער בֶּעט זַיינֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר דַארְף חִיזוּק, אִין זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט אִים נִישְׁט.

אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין גוּט", וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי פְּלָאנְטֶער וואוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אָבֶּער אַרַיין בִּלְבּוּלִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל טְרַאכְטְן, "אִיךְ מֵיין דָאס דָאךְ נִישְׁט אֱמֶתְ'דִיג, וַוייל אִיךְ זָאג דָאס אִיבֶּער יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ טוּ וַוייטֶער וָואס אִיךְ טוּ", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאג טַאקֶע יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, קֵיינֶער גְלֵייבְּט מִיר נִישְׁט אַז אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אוּן אִיךְ אַלֵיינְס גְלֵייבּ שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אָבֶּער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּיְ'ן, רֶעדְן צוּ דִיר אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִיר אַז דוּ זָאלְסְט מִיר מְקָרֵב זַיין".

לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין מִינוּט אִין טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם אַ זֵייגֶער אוּן שְׁטֶעל עֶס אָן אוֹיף זֶעכְצִיג סֶעקוּנְדֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים, לָאז אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט מְנוּחָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִים אִין טַאשׁ, אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, יֶעדֶע רֶגַע אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַשֵּׁב זַיין. לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט, לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן פַאר אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ דָא", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן".

וֶוער עֶס וֶועט טוּן דִי הַנְהָגָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ - אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּצֵא תשפ"ב)

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע

אֵיינְמָאל אִיז אָדֶל, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן, זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, עֶר פְלֶעגְט אִיר בַּאזוּכְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג צוּ זֶען וָואס זִי מַאכְט.

אֵיין טָאג וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי זִי אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דִי מַחֲלָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִיר רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן בֵּיי אִיר בֶּעט מִיט גְרוֹיס צַעַר, אוּן פוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

אַזוֹי דְרִימְלְנְדִיג חָלוֹמְ'ט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִוי זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע,

<<<<<<

# א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער אַלֶעס, עֶר אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דַיין בִּיזְנֶעס, אִין אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶס וֶועט דִיר בְּקָרוֹב צוּרִיק בְּרֵייטֶער וֶוערְן, דוּ וֶועסְט צוּרִיק הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ', אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל הֶערְן דַיין קוֹל וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַ גוּטֶע קְרֶעכְץ, אוּן אֵיין וָוארְט פוּן הַארְץ אַרוֹיס וִוי דוּ בֶּעטְסְט: "טַאטֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, טַאטֶע אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, טַאטֶע הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין צֶעקְוֶועטְשְׁטְקֵייט" וְכוּ' וְכוּ'.

קֶען זַיין נָאר צוּלִיבּ דֶעם דַארְפְּסְטוּ דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין, דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, יד): "כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב", דַיין קוֹל אִיז מִיר זִיס, "וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה", אוּן דַיין אוֹיסְזֶען אִיז שֵׁיין.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס וֶועט דִיר בְּקָרוֹב בֶּעסֶער וֶוערְן, דוּ וֶועסְט צוּרִיק הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. פָּאר מִיט דַיין קַאר צוּ אַ שְׁטִילֶע פַּארְק, אַ שְׁטִילֶע וַואסֶער וְכַדוֹמֶה, לָאז דִי טֶעלֶעפָאן אִין קַאר, גֵיי אַבִּיסְל אַ שְׁפַּאצִיר, קוּק אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר, אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ וִויל תַּכְלִית, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן פַאר דֶעם דַארְף אִיךְ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח". אוֹי וִוי זִיס, אוֹי וִוי שֵׁיין, אוֹי וִוי גֶעשְׁמַאק – וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּיְ'ן, מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת אוּן מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען הָאט נִישְׁט מֶער דִי פַּאנִיק אַטַאקֶעס, וַוייל דִי אֱמוּנָה וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק, בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס הָאט דֶער 'גֶט' מִיט דִיר?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט מַחְלוֹקֶת, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן פוּן מַחְלוֹקֶת - אָדֶער גֵיי אַוֶועק אָדֶער פַארְדְרֵיי דִי שְׁמוּעֶס. אִיךְ וֵוייס פוּן חֲבֵרִים בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען זֵיי הֶערְן רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן - פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דִי שְׁמוּעֶס מִיט אַ חָכְמָה; אַז דִי רֶעדֶערְס, דִי מְדַבְּרִים, כַאפְּן נִישְׁט אַז מֶען פַארְדְרֵייט זֵייעֶר שְׁמוּעֶס, אוּן אַזוֹי וֶוערְן זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן פוּן לָשׁוֹן הָרָע.

בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן מַחְלוֹקֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דֶער שָׂטָן גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; זַיי קְלוּג, אַנְטְלוֹיף פוּן מַחְלוֹקֶת, נֶעם נִישְׁט קֵיין טֵייל, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָדֶער גָאר אַ מִצְוָה; אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מִצְוֹת, לָאז דִי מִצְוֹת פַאר דִי אֵייניקְלֶעךְ פוּן דָתָן אוּן אֲבִירָם, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן פד): "בְּכָל בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת", בַּיי אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, "נִתְגַּלְגְּלִים שָׁם נִיצוֹצִין מִנִּשְׁמַת דָּתָן וַאֲבִירָם", אִיז דָא עֶפֶּעס פוּן דָתָן וַאֲבִירָם.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וָואס הָאסְטוּ צוּ רֶעדְן פוּן יֶענֶעמְ'ס פַּרְשָׁה? וָואס הָאסְטוּ מִיט דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'גֶט אָדֶער נִישְׁט גֶע'גֶט, ווִיל יָא גֶעבְּן אַ גֶט, ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן אַ גֶט, וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? בִּיסְט שׁוֹין פֶערְטִיג מִיט דִיר, דַיין שְׂכַר לִימּוּד אִיז שׁוֹין בַּאצָאלְט? דַיין גְרָאסֶערִי אִיז שׁוֹין גֶעדֶעקְט? בִּיסְט דָאךְ אַ בַּר דַעַת, וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס רֶעדְסְטוּ פוּן אַנְדֶערֶע? הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן?! הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם? הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת? בַּבְלִי? יְרוּשַׁלְמִי? דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עו): "לִמְרִיבָה, הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וּלְמַד תּוֹרָה", קֶען זַיין פְּשַׁט, וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ, עֶס קָאכְט זִיךְ לָשׁוֹן הָרָע - אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

גֵיי אַהֵיים הֶעלְף דַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, ווִי אֵיידֶער צוּ זִיצְן אוּן פְּלוֹישְׁן פוּן דִי חֲסִידוּת אוּן פוּן יֶענֶע חֲסִידוּת, אוּן אַז דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט - גֵיי הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן, אוּן מֶען קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מִיטְן רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק, אַ שָׁאד יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי שְׁטוּתִים וָואס מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט חֲבֵרִים, מֶען קֶען אִין דִי צַייט אַזוֹיפִיל טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

כד. בְּשְׁאֵלַת צְרָכָיו אַל יָרִים רֹאשׁוֹ לִשְׁאֹל שְׁאֵלָה גְּדוֹלָה, אֲבָל בַּתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם יִשְׁאַל כָּל תַּאֲוָתוֹ. וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס אוּן בֶּעטְן גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאל מֶען יָא בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל.

כה. מִצְוָה לִהְיוֹת לוֹ בְּגָדִים מְכֻבָּדִים בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה. עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין אָנְגֶעטוֹן שֵׁיין אוּן מְכוּבָּדִ'יג בַּיים דַאוֶונֶען.

כו. הִנְהִיגוּ בִּרְכוֹתָיו בָּעוֹלָם הַזֶּה, כְּדֵי לִהְיוֹת רְגִילִין לָעוֹלָם הַבָּא. מַאךְ בְּרָכוֹת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ זַיין צוּגֶעוואוֹינְט דֶערְצוּ אִין עוֹלָם הַבָּא.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

קוּמְט צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן פְרֶעגְט אִים, "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? פַארְוָואס הָאסְטוּ אַזוֹיפִיל צַעַר?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וָואס הֵייסְט פַארְוָואס? מַיין טָאכְטֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי קְרַאנְק!", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזָאגְט, "דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים י"ח, נ"א) "מַגְדִּל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ, וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ, לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם", קֶען מֶען זָאגְן אַזוֹי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, 'מַגְדִּל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת מִיט דִי קֶענִיגְן, 'מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן' (גִיטִין ס"ב.), דִי קֶענִיגְן מֵיינְט מֶען צַדִּיקִים, 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט חֶסֶד מִיט דִי וָואס רֶעדְן פוּן זֵיי, דִי וָואס דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, 'לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם', דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַייךְ, וָואס אִיר מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער שְׁטַאמֶען פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ".

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדֶל, "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה (זֶע אוֹיבְן סִימָן תרנ"ח), הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אִין שְׁטָאט גָאר אַן אַלְטֶער פִּנְקָס, נָאךְ פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, דָארְט אִיז בַּאשְׁרִיבְּן אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אוּן דֶער פִּנְקָס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אוֹיף יֶעדְן בְּלַאט אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אֵיין מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען אֵיין בְּלַאט, אֵיין מַעֲשֶׂה, הָאט גֶעדַארְפְט צָאלְן אֵיין גִילְדְן", אוּן דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִיר וַוייטֶער, "אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְּן דְרֵיי גִילְדְן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם פִּנְקָס אוֹיף דְרֵיי פְּלֶעצֶער, אוּן דָאס זֶענֶען דִי דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעלֵיינְט", אוּן דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע.

### דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה:

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ רַבָּנוּת פָּאסְטְן אִין אַ קְלֵיינֶע קְהִלָּה, עֶר פְלֶעגְט דָארְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין זַיין יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִינֶעם יֶענֶעם לַאנְד אִיז גֶעוֶוען אַן הוֹיפְּט רָב, אַ רָב אִיבֶּערְן גַאנְצְן לַאנְד, עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אִיבֶּער אַלֶע רַבָּנִים פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אוּן קְהִלּוֹת, אַלֶע רַבָּנִים זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער אִים, אוּן זֵיי אַלֶע הָאבְּן גֶעדַארְפְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן אִים, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים, עֶר אִיז נָאר גֶעזֶעסְן בַּיי זִיךְ אִין יְשִׁיבָה אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

דֶער הוֹיפְּט רָב הָאט דַן גֶעוֶוען גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט בַּיי יֶעדְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה אוּן עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט מַפְסִיק פוּן לֶערְנֶען, דָאס אִיז זִיכֶער דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע קוּמְט אִים נִישְׁט בַּאזוּכְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער לַאנְדְ'ס רָב בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט נִישְׁט וַוארְטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע זָאל קוּמֶען צוּ אִים, נָאר עֶר וֶועט אַלֵיין אַרִיבֶּערְפָארְן אַהִין צוּם שְׁטֶעטְל פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע.

עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קַבָּלַת פָּנִים פַאר אִים, יֶעדֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם גְרוֹיסְן גַאסְט, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין.

דֶער הוֹיפְּט רָב הָאט וַוייטֶער דַן גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע לְכַף זְכוּת אַז עֶר ווִיל זִיכֶער נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין, אוּן דֶערִיבֶּער ווִיל עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן דֶער רָב אִיז דֶערִיבֶּער גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע. אָבֶּער אוֹיךְ וֶוען דֶער רָב אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין זַייט, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן זִיכֶער הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם.

דֶער לַאנְדְ'ס רָב הָאט אִים וַוייטֶער דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע אִיז אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז עֶר ווִיל אֲפִילוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ אִים צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע, אָבֶּער אִינְצְווִישְׁן אִיז דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ שֵׁיינֶער בָּחוּר וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר גוּט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים מְלֹא קוֹמָתוֹ, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער הוֹיפְּט רָב זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, "צוּם עֶרְשְׁט, וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ מִיר, הָאבּ אִיךְ

>>>>>>

אַייךְ דַן גֶעוֶוען לְכַּף זְכוּת אַז אִיר ווילְט נִישְׁט מְבַטֵל תּוֹרָה זַיין, אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעקוּמֶען דָא אִין שְׁטָאט אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, הָאבּ אִיךְ ווידֶער גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז וֶועגְן בִּיטוּל תּוֹרָה, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָא צוּ אַייךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן אִיר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, הָאבּ אִיךְ ווידֶער גֶעטְרַאכְט אַז אִיר וויל נִישְׁט מַפְסִיק זַיין פוּן לֶערְנֶען, יֶעצְט זֶע אִיךְ אָבֶּער אַז עֶס הוֹיבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וַוייל דֶעם בָּחוּר הָאט אִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אַזוֹי לַאנְג אִינְמִיטְן לֶערְנֶען".

דֶער רָב הָאט גֶעשׁוֹימְט פַאר כַּעַס, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן, עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעבְּרֶענְט מִיט כַּעַס אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט צוּם רָב, "זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, וַוייל מִיט דֶעם בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גָאר אַן אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן, אוּן אִיר וֶועט זֶען אַ קְלָארֶע צֵייכְן אוֹיף דֶעם, אַז אִין צְוֵויי שָׁעָה אַרוּם וֶועט דֶער בָּחוּר גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן".

דֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם בָּחוּר מִיט זִיךְ, עֶר הָאט שְׁפַּאצִירְט מִיט אִים אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ לָאזְן דֶעם בָּחוּר פַארְשְׁווּאוּנְדְן וֶוערְן, אַזוֹי אַז עֶר זָאל קֶענֶען פַארְלֵייקֶענֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע, וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַז דֶער בָּחוּר בְּלַייבְּט לֶעבְּן.

אַזוֹי ווִי זֵיי גֵייעֶן אַזוֹי אַרוּם אִין שְׁטָאט, אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס אַ פָּרִיץ נֶעבְּן זֵיי, אוּן עֶר הָאט גֶעשָׁאסְן מִיט זַיין בִּיקְס צוּ כַּאפְּן עֶפֶּעס אַ פוֹיגֶל ווִי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער דֶער קוֹיל אִיז אַרַיינְגֶעפְלוֹיגְן אִין הַארְץ פוּן דֶעם בָּחוּר, אוּן עֶר אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן פוּנְקְט בַּיים סוֹף פוּן דִי צְוֵויי שָׁעָה, גֶענוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט.

דֶער לַאנְדְ'ס רָב אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אוֹי! אוֹי! וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן?! קוּק וָואס דוּ הָאסְט דָא אָנְגֶעמַאכְט! מֶען גֵייט דָא בַּאלְד אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַן עֶרְמָארְדֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג אוֹיף דֶעם!", דֶער רָב אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן פַאר שְׁרֶעק, אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי הַאלְטְן נָאךְ אִינְמִיטְן רֶעדְן אִיז גֶעוָוארְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטָאט אַז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גֶע'הַרְגְ'טְן מֶענְטְשׁ.

דֶער רָב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע מִיט אַ צִיטֶער, "וָואס גֵייט דָא פָאר?", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט דִי מַעֲשֶׂה, "דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּל פוּן אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶעריבֶּער הָאבּ אִיךְ אִים צוּגֶעטֵיילְט אַזוֹיפִיל כָּבוֹד. אוּן וַוייל אַחְאָב אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן, הָאט דֶער בָּחוּר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן. גְלַייךְ וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִיז שׁוֹין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ מַשְׁחִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם בָּחוּר, דֶער מַשְׁחִית אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פְּלַאץ נָאנְט צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּן גֶעוַוארְט אַז דֶער בָּחוּר זָאל אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ אִין דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט וָואס עֶר דַארְף אוּמְקוּמֶען, אַזוֹי ווִי אָבֶּער אִיר הָאט אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין שְׁטָאט, דֶעריבֶּער אִיז עֶר גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט דוּרְךְ דֶעם פָּרִיץ, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמוּזְט גֶעבְּן פַאר דֶעם מַשְׁחִית אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אַנְשְׁטָאט אִים, אוּן דָאס אִיז דֶער גֶע'הַרְגְ'טֶער וָואס מֶען הָאט יֶעצְט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטָאט".

"אוּן דֶעריבֶּער", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ דֶעם רָב, "דַארְפְט אִיר מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ אַ תְּשׁוּבָה, וַוייל דוּרְךְ אַייךְ אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ, דוּרְכְדֶעם וָואס אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דֶעם בָּחוּר אִין שְׁטָאט".

דֶעמָאלְט אִיז דֶער לַאנְדְ'ס רָב גֶעפַאלְן צוּ דִי פִיס פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע, עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַ תְּשׁוּבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דַיין תְּשׁוּבָה וֶועט זַיין אַז דוּ וועסְט אָפְּלָאזְן דִי רַבָּנוּת פָּאסְטְן, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ בַּעַל עֲגָלָה. דֶער רָב הָאט טַאקֶע דָאס אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל עֲגָלָה.

## דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה:

אִין שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע תִּיפְלָה, אוּן וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט גֶעדַארְפְט טְרָאגְן אַ נִפְטָר צוּם בֵּית הַחַיִים צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט דוּרְכְגֵיין דֶעם טָמֶא'נֶעם תִּיפְלָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ גֵיין, אוּן דִי גוֹיִם פְלֶעגְן קְלִינְגֶען מִיט דִי טָמֶא'נֶע גְלֶעקְלֶעךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ לְוַיָ' אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז וֶוער עֶס אִיז דָארְט גֶעגַאנְגֶען הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט דוּרְכְפִירְן זַיין מִטָה דוּרְךְ יֶענֶעם וֶועג, זָאל מֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אִים זַיין הֵיילִיגֶער סֵפֶר "מַהַרְשָׁ"א" וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף שַׁ"ס.

אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי לְוַיָ', אוּן לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָלוֹת הָאבְּן דִי גַלָחִים זִיךְ אוֹיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר תִּיפְלָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלִינְגֶען מִיט זֵייעֶר גְלֶעקְלֶען, אוּן מֶען הָאט גֶעטוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט בַּאפוֹילְן אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע מִטָה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בֵּית הַחַיִים.

אָנְקוּמֶענְדִיג נֶעבְּן דֶעם טָמֶא'נֶעם תִּיפְלָה הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי מִטָה, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעמִישְׁט אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, הָאט דִי תִּיפְלָה אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד אִינְאֵיינֶעם דִי מֶענְטְשְׁן דֶערִין, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, אוּן בִּיז הַיינְט אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ צֵייכְן פוּן דִי תִּיפְלָה וָואס הָאט דָארְט אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

## דִי דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה:

אִין אָנְהוֹיבּ, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען אַלְס רָב אִין שְׁטָאט, הָאבְּן דִי שְׁטָאטְלַייט גֶעמַאכְט אַמָאל אַן "הֲנָחַת אֶבֶן הַפִּינָה" פַאר אַ נַייעֶם בֵּית הַכְּנֶסֶת, אוּן דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה הָאבְּן גֶעוָואלְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע מִיטְ'ן לֵייגְן דֶעם "אֶבֶן הַפִּינָה" ווִי עֶס פַּאסְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אֵיינֶער פוּן דִי נְגִידִים אִין שְׁטָאט וָואס הָאט גֶע'עֵצָה'ט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי טוּן, וַוייל עֶס פֶעלְט דָאךְ נָאךְ אַסַאךְ גֶעלְט צוּצוּעֶנְדִיגְן דָאס בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת, דֶעריבֶּער וָואלְט גֶעוֶוען פַּאסִיג אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן דִי זְכוּת פוּן לֵייגְן דִי "אֶבֶן הַפִּינָה" פַאר וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט דֶערְפַאר, אוּן דָאס גֶעלְט וֶועט מֶען נוּצְן צוּ בּוֹיעֶן דִי שׁוּל.

דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דִי עֵצָה, אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיסְפַארְקוֹיף פַארְ'ן לֵייגְן דִי "אֶבֶן הַפִּינָה". מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיפְצִיעֶן מִיט דִי פְּרַייז, אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה אַלֵיין הָאבְּן אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן מִיט דִי פְּרַייז, אָבֶּער דֶער נָגִיד וָואס הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם גֶעדַאנְק הָאט אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן דִי פְּרַייז גָאר גָאר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פִילֶע זַאק מִיט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה, אוּן דַאן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם זְכוּת אוּן עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע מִיטְ'ן לֵייגְן דֶעם "אֶבֶן הַפִּינָה".

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "זָאג מִיר ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן כִּיבּוּד, אִיךְ וֶועל טוּן פַאר דִיר וָואס דוּ וֶועסְט מִיר בֶּעטְן", הָאט דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ בֶּעט פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מִיר צוּזָאגְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זוּן וָואס זָאל זַיין אַזוֹי גְרוֹיס אִין תּוֹרָה אַזוֹי ווִי אַייךְ".

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט זִיךְ אַבִּיסֶל פַארְטְרַאכְט אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן אַ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע בַּקָשָׁה, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס קֶענֶען עֶרְפִילְן נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַיינְגֵיין אוֹיף פָאלְגֶנְדֶע תְּנָאִים, אַז וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיטְ'ן קִינְד וֶועסְטוּ נִפְטָר וֶוערְן, אוּן וֶוען זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד וֶועט זִי אוֹיךְ נִפְטָר וֶוערְן".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז נָאר דַיין מֵיינוּנְג, דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ גֵיין פְרֶעגְן דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז אוֹיךְ מַסְכִּים". עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיטְ'ן עֶנְטְפֶער אַז זִי אִיז אוֹיךְ מַסְכִּים דֶערְצוּ, אוּן דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זוּן וָואס וֶועט זַיין גְרוֹיס אִין תּוֹרָה אַזוֹי ווִי אִים, אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוֹיפְצִיעֶן דָאס קִינְד בֵּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים נָאכְדֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דֶעם קִינְד.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דִי פְרוֹי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אִיז דֶער עוֹשֶׁר גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִיז דִי מַאמֶע אוֹיךְ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט גֶענוּמֶען דָאס קִינְד צוּ זִיךְ אַהֵיים אוּן אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן, אוּן אִים מְחַנֵךְ גֶעוֶוען מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

עֶס זֶענֶען פַארְלָאפְן אַסַאךְ יָארְן, אוּן דִי שְׁטָאטְלַייט, וָואס הָאבְּן גֶעווּאוּסְט פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם קִינְד, הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעזֶען עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֲשִׁיבוּת אוּן גְרוֹיסְקֵייט אִין דֶעם קִינְד, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר זָאל נָאךְ זַיין אַזוֹי גְרוֹיס ווִי דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִי"ע.

וֶוען עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי צַייט פוּן דִי פְּטִירָה פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן פַאר דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה אַז דֶער קִינְד וֶועמֶען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן זָאל אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי רַבָּנוּת אִין שְׁטָאט נָאךְ אִים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעטוּן, כָאטְשׁ וָואס זֵיי נִישְׁט גֶעזֶען אִין אִים דָאס גַדְלוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זִי"ע.

דֶער נֵייעֶר רָב הָאט גֶעהַאט אַן אֵייגְנַארְטִיגֶער מִנְהָג, אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ קֵיין שׁוּם לְוַיָ' אִין שְׁטָאט. דִי שְׁטָאטְלַייט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ דֶעם, אָבֶּער אֵיינְמָאל אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רָב קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי לְוַיָ', זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, בִּיז עֶטְלִיכֶע פוּן דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה הָאבְּן גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּ לָאזְן וִויסְן דֶעם רָב אַז אוֹיבּ קוּמְט עֶר נִישְׁט צוּ דִי לְוַיָ' וֶועט מֶען אִים אַרָאפְּשְׁטֶעלְן פוּן דִי רַבָּנוּת פָּאסְטְן. וֶוען דֶער שָׁלִיחַ הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב, הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט אַז דָאס מָאל וֶועט עֶר יָא גֵיין צוּ דִי לְוַיָ'.

גֵייעֶנְדִיג מִיטְ'ן עוֹלָם בֵּיי דִי לְוַיָ', הָאט דֶער רָב אִינְמִיטְן אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מִטָה פוּנֶעם נִפְטָר, אוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן אַלֶע בַּאגְלֵייטֶער גֶעזֶען אַז אוֹיף דִי מִטָה לִיגְט בְּלוֹיז אַ שְׁטִיק הָאלְץ. אוּן דֶער רָב הָאט זֵיי

<<<<<<

גֶע'מוּסָר'ט אוּן גֶעזָאגְט, "קוּקְט נָאר וִוי אַזוֹי עֶס זֶעעֶן אוֹיס שׁוֹין דִי 'עֶרְלִיכֶע' פוּן עֶנְקֶערֶע נִפְטָרִים, קוּקְט וִוי דִי מַזִיקִים הָאבְּן שׁוֹין פַארְכַאפְּט אֵייעֶר 'עֶרְלִיכֶער' נִפְטָר, אוּן אִיר ווִילְט נָאךְ אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען בַּאגְלֵייטְן אַייעֶרֶע נִפְטָרִים?!", דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מִטָה, אוּן מֶען הָאט ווִידֶער גֶעזֶען דֶעם גוּף פוּנֶעם נִפְטָר אוֹיף דִי מִטָה אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר.

דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי אַיינְוואוֹינֶער אִין שְׁטָאט אַיינְגֶעזֶען אַז עֶס אִיז בֶּאֱמֶת מְקוּיָם גֶעוָוארְן דִי הַבְטָחָה פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א זי"ע, אַז עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי גְרוֹיס ווִי אִים.

דֶער רָב הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט זַיין חַבֵר אִיבֶּער עֶפֶּעס אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין חַבֵר, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, בִּיסְטוּ דָאךְ אַ גַנָב".

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער חַבֵר דֶער סוֹחֵר נִפְטָר גֶעוָוארְן, וֶוען זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיבְן הָאט מֶען אִים דַן גֶעוֶוען בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס אוּן פַאלְשְׁקֵייט בֵּיי אִים. הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדֶען צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעהַאט רֵיינֶע הֶענְט, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעפָּאפְּט אוּן בַּא'גַנְבְ'ט, דֶעמָאלְט פַארְוָואס הָאט מַיין חַבֵר דֶער סוֹחֵר, דֶער זוּן פוּנֶעם רָב, מִיר אָנְגֶערוּפְן 'גַנָב'? אוּן דֶערִיבֶּער פַארְלַאנְג אִיךְ אַז מֶען זָאל אִים אוֹיךְ אַרוֹיפְרוּפְן דָא אוֹיבְן, אוּן מֶען זָאל אִים דָא דַאן זַיין".

דֶער בֵּית דִין הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין פַאר זַיין חַבֵר, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפָן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדֶען צוּ אַן הֶעכֶערֶער בֵּית דִין, אוּן אוֹיךְ דָארְט הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער פַאר'עַקְשְׁנְ'ט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפָן מוֹחֵל זַיין.

אִינְצְווִישְׁן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶער מַלְאָךְ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "דוּ קֶענְסְט מִיךְ?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "נֵיין", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט, "קוּק מִיךְ גוּט אָן", עֶר הָאט אִים גוּט אָנְגֶעקוּקְט אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְׁט דֶערְקֶענְט, הָאט דֶער שָׂרָף זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין דֶער פַּרְנָס פוּן אוֹסְטְרָאָה", דֶעמָאלְט הָאט דֶער סוֹחֵר זִיךְ דֶערְמַאנְט אוּן אִים דֶערְקֶענְט, הָאט דֶער פַּרְנָס אִים גֶעזָאגְט, "גֶעדֶענְקְסְטוּ אֶפְשָׁר דֶער מִנְהָג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט בֵּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט צוּ אַיינְקַאסִירְן צְדָקָה פוּן יֶעדְן בַּעַל הַבַּיִת אִין שְׁטָאט יֶעדֶעס יָאר, אוּן דֶער סֵדֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַז מֶען הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן יֶעדְן בַּעַל הַבַּיִת לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט פַארְדִינְט, דִי סוּמֶע וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבְן פַאר צְדָקָה הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדֶען אִין וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פַארְדִינְט. אֵיינְמָאל זֶענֶען דִי גַבַּאי צְדָקָה גֶעקוּמֶען צוּ דִיר בֶּעטְן גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דָאס יָאר הָאסְטוּ פַארְדִינְט מֶער פוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר, אוּן דוּ הָאסְט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי גַבַּאי צְדָקָה דִי זֶעלְבֶּע סוּמֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָאר, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאסְטוּ יָא גֶעהַאט פַארְדִינְט מֶער גֶעלְט אִין דֶעם יָאר, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט טַאקֶע אַ גַנָב, אַזוֹי וִוי דַיין חַבֵר דֶער סוֹחֵר הָאט דִיר אָנְגֶערוּפְן". אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר אַיינְגֶעשְׁטִילְט זַיינֶע טַעֲנוֹת אוֹיף זַיין חַבֵר.

בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁרִיבְּן, "דָאס זֶענֶען דִי אוֹסְטְרָאָה פַּרְנָסִים, אוּן דָאס זֶענֶען דִי אוֹסְטְרָאָה סוֹחֲרִים".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת, אִיז זַיין טָאכְטֶער אָדְל גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, זִי אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַז וֶוען מֶען הָאט אַ חוֹלֶה אִין שְׁטוּבּ, אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, דֶערְצֵיילְט מֶען דִי דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת, אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

(פְּעֻלַּת הַצַדִיק, סִימָן תתנ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ספר "ותחיין את הילדים", גייט שוין אט צום דרוק

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גרייט מען זיך אין "קרן הדפסה היכל הקודש" צו ארויסקומען מיט די ערשטע באנד פון די סעריע ספרים אויף חינוך וואס וועט טראגן דעם פאסיגן נאמען "ותחיין את הילדים", וואס איז כשמו כן הוא, עצות און חיזוק צו געבן לעבן פאר אונזערע קינדער, די חשוב'סטע זאך וואס מיר פארמאגן, די קומענדיגע דורות, א לעבן ברוחניות, זיי זאלן ליב האבן דעם אייבערשטן, ליב האבן תורה ומצות, ליב האבן יעדן איד, און אויך א לעבן בגשמיות, זיי זאלן זיין געזונט פיזיש און גייסטיש, זעלבסט זיכער, צופרידן, און לעבן א פראדאקטיוו לעבן.

דער ספר איז באזירט אויף די בארימטע שיעורי חינוך וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט כסדר פאר עלטערן און מחנכים, וואס טייל זענען שוין ארויס לאור עולם דורך די וועכנטליכע "שיעורי חינוך" גליונות וואס די וועלט שלונגט מיט דארשט.

פילע עלטערן מוטשען זיך מיט די חינוך פון זייערע קינדער, מען שפירט זיך שלעכט אז מען טוט נישט גענוג פאר די קינדער, מען האט נישט די ריכטיגע וועג ווי אזוי אומצוגיין מיט די קינדער, און די וועכנטליכע גליון "שיעורי חינוך" האט געמאכט א דורכברוך אין די וועלט, ווען פילע עלטערן זענען ממש אויפגעראכטן געווארן מיט די קלארע פראקטישע מהלכים און עצות אין חינוך, געבויעט אויפ'ן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג פון אונזערע עלטערן, אזוי ווי די צדיקים האבן אונז געלערנט.

דאס איז באקאנט אז דער ראש ישיבה שליט"א נעמט די אלע עצות נאר פון ערליכע ריינע מקורות, פון די תורה, פון חז"ל, און פון די פריערדיגע צדיקים, וואס זיי האבן אראפ געשטעלט א וועג וויאזוי מען קען אין די היינטיגע דורות אויפציען קינדער וואס זאלן זיין געטריי צום אויבערשטן, און דאס ווילן אלע די זעלבע זאך. און דערפאר זעט מען אז די שיעורי חינוך פון ראש ישיבה שליט"א זענען פאפולער אין אלע קרייזן און שיכטן, ווייל אלע ווילן הצלחה אין חינוך.

קרן הדפסה האט אריינגעלייגט צענדליגע טויזנטער דאלער אין דעם פראיעקט, און אויפגענומען פראפעסיאנאלע ערפארענע שרייבער און מגיהים יראי השם פון אנשי שלומינו. און ברוך השם זיי האבן מצליח געווען און מיט גרויס סייעתא דשמיא איז דער ספר ארויסגעקומען העכער די ערווארטונגען, א הערליכע געשמאקע ספר וואס לייענט זיך פליסיג כשלחן הערוך ומוכן לאכול, און עס ברענגט ארויס קלאר די עצות און חיזוק וואס איז גרייט מען זאל דאס אימפלימענטירן טאג טעגליך הלכה למעשה.

עס קומט א גרויסן יישר כח פאר די פילע וואס האבן צוגעהאלפן בטירחא ובממון, פאר הר"ר אהרן שלעזינגער שליט"א מיט זיינע חשובע שותפים, די שטאב וואס האבן געשריבן, אויסגעשטעלט, מגיה געווען, און אלעס געטון מיט'ן גאנצן הארץ, זיך אוועקגעגעבן טעג און נעכט פאר די הצלחה פון דעם ספר. און פאר הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א וואס האט אפגעקויפט דעם "זכות מהדורה", לע"נ זיין אומפארגעסליכן שווער הרה"ח ר' מנחם מענדל ב"ר יושע ווייס ז"ל, וואס איז לעצטנס נסתלק געווארן, און וועט דערפאר טראגן מיט שטאלץ דעם נאמען "מהדורת וועבערמאן".

מ'קען נאך האבן די זכי' איינצוקויפן זכותים נצחיים אין דעם הייליגן ספר וואס אנטשפרעכט צו ראטעווען דורות, און אוועקשטעלן אידישע שטיבער אויף שטארקע און קראנטע יסודות, וואס דער זכות איז אומשאצבאר. מ'קען קויפן די זכות פון א פרק, נאר דא נאך עטליכע פרקים עוועילעבל, אדער קלענערע זכותים.

רופט שוין דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו זיך אנצושליסן אינעם פראיעקט מען זאל קענען ארויסגעבן בקרוב דעם ספר וואס וועט באלייכטן די וועלט 347-578-4449.

# לייטער צו סוקסעס

**א הערליכע קלארע שיעור ווי אזוי ארויפצוקריכן דעם לייטער צו סוקסעס מיט הצלחה, און קיינמאל נישט אראפפאלן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 1, 24**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **וואלווי שטערן** הי"ו סטעטן איילענד
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן מו"ה **שמואל מרדכי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שלמה וויינבערגער** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן מו"ה **זעליג** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נחמן ניישטיין** הי"ו קרית ברסלב
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

***

מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **שלום** נ"י

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** שליט"א ירושלים
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש בירושלים עיה"ק
**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **משה כהנא** הי"ו ירושלים עיה"ק
מתרגם הגליון הנפלא "שיעורי חינוך"
**צו די שמחת החתונה פון זיין זון עב"ג למזל טוב**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >